בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת כי תבוא תשפ"ו

גליון 853 [שנה י"ח]

**דרוש פארוואס זאגט מען אֲרַמִּי אוֹבֵד אָבִי מיטן קול?**

וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וַיֵּרֶד מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם בִּמְתֵי מְעָט וַיְהִי שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל עָצוּם וָרָב: (כו ה) זאגט רש"י ד"ה וְעָנִיתָ: מיינט מען זאל דאס זאגן אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי, בְּהָרָמַת קוֹל, הויך, (סוטה לב ע"ב) אֲרַמִּי אוֹבֵד אָבִי. מיינט מען זאל דערמאנענ חַסְדֵי הַמָּקוֹם, אז "אֲרַמִּי אוֹבֵד אָבִי", דאס מיינט ווייל לָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל כְּשֶׁרָדַף אַחַר יַעֲקֹב, ער האט נאר געוואלט אבער בִּשְׁבִיל שֶׁחָשַׁב לַעֲשׂוֹת, חִשֵּׁב לוֹ הַמָּקוֹם כְּאִלּוּ עָשָׂה, עכ"ד רש"י, ראשית דארף מען פארשטיין פארוואס דארף זיין הֲרָמַת קוֹל? אויך פארוואס דארף רש"י זאגן דעם אריכות פון לבן אז ער האט געוואלט פארניכטן וּבִשְׁבִיל שֶׁחָשַׁב לַעֲשׂוֹת, חִשֵּׁב לוֹ הַמָּקוֹם כְּאִלּוּ עָשָׂה, וואס איז אונז א נפקא מינא צו ער האט געוואלט טאן צו ער האט געטאן למעשה, און וואס האט דאס מיט זאגן הויך אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי? נאר מען קען מסביר זיין רש"י לויט וואס עס שטייט אין גמ' (ברכות דף ל"א ע"א) **אסור לאדם להגביה קולו בתפילתו**, בשעת מען דאווענט שמונה עשרה דארף מען זאגן שטיל, ווייל "**המשמיע קולו בתפילתו הרי זה מקטני אמונה**", איז רש"י מסביר דארט ווייל ער ווייזט מיט זיין דאווענען הויך, אז חלילה "**אין הקב"ה שומע תפילת לחש ומגביה הרבה**": אז דער אויבערשטער הערט נישט זיין שטילע תפילה, אבער ווייל דער אויבערשטער איז דאך א יודע מחשבות, איז דאס כ"ש אז ער הערט א שטילע תפילה, דאס איז ביי א אייגענע תפילה, אבער אויב מען איז מְגַלֶּה אז דער אויבערשטער טוט אזאך וואס מען ווייסט נישט, מעג מען זאגן מיטן קול, ווייל דאס איז א שבח פארן אויבערשטן, און דאס איז געווען ביי לָבָן וואס שטייט בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל, און די מחשבה האט נאר דער אויבערשטער געוואוסט, און נאר ביי א גוי איז הקב"ה מצרף א מחשבה אזוי ווי א מעשה, אבער ביי א איד איז מחשבה נישט מצרף למעשה (קידושין דף מ' ע"א) איז אפילו בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר, איז דאס גערעכנט ווי ער האט דאס געטאן און דער אויבערשטער האט געראטעוועט יעקב פון לָבָן, דעריבער זאגט רש"י דעם אריכות פון בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר, ווייל דאס איז דער טעם פון זאגן ארמי אובד אבי מיטן קול, ווייל דו וועסט דאך פרעגן אז מען טאר נישט זאגן די שבחים פון אויבערשטן אויפן קול ווייל מען איז מקטני אמונה? דעריבער זאגט רש"י אז לבן האט געוואלט עוקר זיין במחשבה און דער אויבערשטער האט אים נישט געלאזט, און מיט דעם איז מען מגלה דער גרויסקייט פון אויבערשטן, און דאס זאל מען זאגן בקול, משא"כ ביי ווידוי מעשר זאגט מען שטיל, ווייל דאס איז נאר די שבח פון מענטש אז ער האט געטאן דעם רצון פון אויבערשטן. (חנוכת התורה רבי ר' העשיל מקראקא) מיט דעם מהלך קען מען צו שטעלן א באוואוסטע ווארט (תהלים קי"ז ב) הַלְלוּ אֶת ה' כָּל גּוֹיִם שַׁבְּחוּהוּ כָּל הָאֻמִּים: אז די גוים און פעלקער אליין לויבן דעם אויבערשטן, ווייל זיי ווייסן וויפיל זיי האבן געהאט אין זייער מחשבה שלעכטס צו טאן פאר כלל ישראל, און כִּי גָבַר עָלֵינוּ חַסְדּוֹ זיי ווייסן די גרויסער חסדים פון אויבערשטן וואס האט זיי אפגעהאלטן, און דער אויבערשטער האט געהיטן די אידן, און דער הייליגער חיד"א (ספר פה אחד על הגדה) איז מסביר דעם פסוק (אסתר ג ו) וַיְבַקֵּשׁ הָמָן לְהַשְׁמִיד אֶת־כָּל הַיְּהוּדִים, הָמָן האט נאר געטראכט לְהַשְׁמִיד, און אויף דעם מחשבה איז מען דַן אזוי ווי א מעשה און ער איז נענש געווארן מיט תליה, און דאס זאגן מיר אין די הגדה: וְהִיא, מיינט די שכינה הקדושה, שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ, שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד, נישט נאר הָמָן האט געוואלט, לְכַלּוֹתֵנוּ, אֶלָּא, נאר שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, אין אלע דורות טראכטן די פעלקער דאס צו טאן צו כלל ישראל, אבער וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם. און פונדעסטוועגן וועט דער אויבערשטער זיי שטראפן פאר זייערע מחשבות, און דעריבער ברענגט די הגדה גלייך נאכדעם די ראיה פון צֵא וּלְמַד מַה בִּקֵּשׁ לָבָן הָאֲרַמִּי לַעֲשׂוֹת לְיַעֲקֹב אָבִינוּ. וגו' וְלָבָן בִּקֵּשׁ לַעֲקוֹר אֶת הַכֹּל, שֶׁנֶּאֱמַר: "אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי". (שמח זבולון תשפ"ו)

**שכחה קומט פון זינדיגן**

לֹא עָבַרְתִּי מִמִּצְוֺתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי: (כ"ו יג) **שטייט אין מדרש תנחומא** (סוף פ' עקב) אויב די אידן וואלטן נישט געזינדיגט מיטן עגל וואלט ניט געווען קיין שכחה אויף די וועלט, און דאס שטייט (במדבר טו מ) וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֺת ה' וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם: איר וועט היטן אלע מצות און חלילה נישט זינדיגן, וועט זיין לְמַעַן תִּזְכְּרוּ, אז מען וועט אלעס געדענקען, און עס וועט נישט זיין קיין שכחה. (טל השמים הגה"ק מקאשוי זצוק"ל) און מוסיף זיין צו דעם עס שטייט אז צדיקים וואס זינדיגן נישט האבן נישט קיין שכחה, אזוי ווי עס שטייט אין הייליגן ספר בית אהרן קארלין מען זאגט אין סדר זכרונות ראש השנה כִּי אֵין שִׁכְחָה לִפְנֵי כִּסֵּא כְבוֹדֶךָ, דער וואס איז דבוק אין כִּסֵּא הַכָּבוֹד, און זינדיגט נישט האט נישט קיין שִׁכְחָה, און מען קען צולייגן אז דער חידוש פון הייליגן צדיק פון קאשוי אז דאס ליגט אויך אין די המשך פון פסוק: לְמַעַן תִּזְכְּרוּ, אויב איר ווילט געדענקען אלעס און נישט האבן קיין שכחה, איז די עצה וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֺתָי, טאהן אלע מצות, ממילא וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹקֵיכֶם: וועט איר זיין דבוק לִפְנֵי פארן כִּסֵּא הַכָּבוֹד, וועט זיין אֵין שִׁכְחָה, און למעשה קומט אויס אז די תורה איז דאס שטארק מזרז מיט דעם איבער חזרן, ווייל עס שטייט שוין וּזְכַרְתֶּם אֶת כָּל מִצְוֺת ה' וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, מען זאל טאהן און היטן די מצות, און פונדעסטוועגן שטייט נאכאמאל וַעֲשִׂיתֶם אֶת כָּל מִצְוֺתָי, צו שטארקן דעם מענטש און אים מזרז זיין. (שמח זבולון תשפ"ו)

**די גרעסטע ברכה וואס א מענטש קען באקומען**

וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה וְהִשִּׂיגֻךָ כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל ה' אֱלֹקֶיךָ: (כח ב) פרעגט זיך א פליאה, פארוואס דארף שטיין דער ווארט וְהִשִּׂיגֻךָ וואס דאס איז לכארה א כפל הלשון ווען עס שטייט שוין וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה, אז די ברכות זענען געקומען צו דיר מיינט דאס וְהִשִּׂיגֻךָ? אויך פארוואס שטייט "כָּל הַבְּרָכוֹת" הָאֵלֶּה און נישט סתם "הַבְּרָכוֹת" הָאֵלֶּה? נאר עס איז ידוע די ווארט פון הייליגן בעל שם טוב אויפן פסוק כָּל רֹדְפֶיהָ הִשִּׂיגוּהָ בֵּין הַמְּצָרִים: (איכה א ג) אז אין די טעג פון די דריי וואכן די בין המצרים, דער וואס איז זיך מחזק אין עבודת ה' קען משיג זיין און ווערן נאנט צום הייליגן שכינה עכ"ד, קומט אויס אז די העכסטע זאך פאר א מענטש איז ער זאל דערגרייכן און זיין נאנט צום אויבערשטן, דאס שטייט וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה מיינט מען דו וועסט באקומען די גרעסטע ברכה, אז וְהִשִּׂיגֻךָ דו וועסט משיג זיין און דערגרייכן די מדריגה כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל ה' אֱלֹקֶיךָ אז דו וועסט הערן און זיין נאנט צום אויבערשטן. (שמח זבולון תשפ"ו)

# מדור העובדות

## ***** הסב"ק ר' ישכר בער פון ראדאשיץ זצוק"ל היילט אויס א קינד מיט הייליגע שֶמֶן *****

**דער הייליגער רבי ישכר בער מראדאשיץ זצ"ל** (י"ח סיון - תר"ג) **איז געווען א זון פון ר' יצחק זצ"ל**, רבי נטע פון וולאדאווע איז געווען פון די תלמידים פון הייליגן חוזה מלובלין, ער פלעגט משמח געווען די חסידים, צוליב זיין טרינקען און בדחנות פלעגט מען אים רופן "נטע פיוק",- א פרייליכער טרינקער- און אין יו"ט און ביי שמחות פלעגט ער ארויפגיין אויפן הייליגן חוזה'ס טיש, געטאנצן און געזונגען און דער הייליגער חוזה זיצט און האט הנאה.

ווען דער חוזה פון לובלין איז נסתלק געווארן ט' באב תקע"ה, האט רבי נטע מקבל געווען ער וועט נישט מקבל זיין אויף זיך א רבי און איז נישט געפארן צו די צדיקי הדור, מיט די צייט איז ר' נטע'ס זון קראנק געווארן און ער איז געווארן געליימט אויף זיין גוף, און ער איז געווארן ווי א שטומער רח"ל, און די דאקטוירים האבן נישט געוואוסט קיין רפואה, האט זיך ר' נטע דערמאנט אז דער חוזה פון לובלין האט אמאל געזאגט ביים טיש: "ביי א געטרייען חבר קען מען געהאלפן ווערן ווי ביים רבי'ן", און ער איז געפארן צו זיין חבר רבי לייבוש אין אוז'ערוב, וואס האט אים אויסגעהערט און זאגט דערמאנסט  זיך פון "בערל בטלן" פון לובלין, יעצט איז ער א צדיק און א פועל ישועות, פאר קיין ראדאשיץ וואו עם זיצט "בערל בטלן" און איך בין זיכער אז דארט וועט קומען דיין ישועה.

אבער ר' נטע האט דאך מחליט געווען נישט צו פארן צו צדיקי הדור, אבער וואס טוט נישט א טאטע פאר די רפואה פון זיין קינד, אבער ער האט געזאגט וואס וועט העלפן "בערל בטלן" ווען אלע דאקטוירים האבן נישט געהאלפן? אבער רבי לייבוש האט אים משכנע געווען צו פארן און ער איז געפארן קיין ראדאשיץ, און געדונגען א וואגן און זיי זענען געפארן א שטיק וועג איז דער אקסל פון וואגן צובראכן געווארן נאכן דאס פארעכטן האט זיך דער וואגן איבער געקערט און מיט ניסים נישט געשאט דעם קראנקן קינד, האט ר' נטע געזאגט אז פון הימל שטערט מען אים צו פארן קיין ראדאשיץ, אבער די נוסעים וואס זענען געווען מיט אים האבן אים איבערגערעדט אז מען זעט שוין ראדאשיץ און עס לוינט צו גיין וואו טויזנטער ווערן געהאלפן און זיי זענען געפארן בשלום קיין ראדאשיץ.

אנקומענדיג קיין ראדאשיץ דערציילט מען אים אז מען ווארט שוין עטליכע טעג ארייננצוגיין צום רבי'ן, און די טיר עפנט זיך נישט! שלעכטע מחשבות לויפן אין קאפ פון ר' נטע און האט שוין חרטה אויפן קומען און אפשר זאל ער נעמען דאס קינד אהיים? אבער ער וועקט זיך אויף פון זיינע געדאנקען ווען ער הערט דער גבאי שרייט אוים: "נטע פיוק וולאדאווער, גיי אריין צום רבי'ן!" ווען ר' נטע איז אריין צום רבי'ן און געגעבן "שלום", האט דער רבי אים געפרעגט, ווילסטו טרינקען א גלעזל בראנפן?" האט ר' נטע געענטפערט אוודאי!" האט דער רבי אים אליין אנגעגאסן א גלעזל בראנפן און געטרונקען "לחיים", און דער הייליגער צדיק האט אנגעהויבן דערציילן א מעשה,:

מיין הייליגע רבי רב בער, דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זצוק"ל, איז געווען א מתנגד און ווען דער נאָמען פון בעש"ט איז מפורסם געוואָרן, איז דער מגיד נישט געווען פון זיינע מאמינים, דער מגיד האט געהאט א קרענק אין זיין פיס פון וואס ער האט שווער געליטן, און די דאקטוירים האבן נישט געקענט געפינען קיין רפואה, ווען זיינע יסורים האבן נישט אויפגעהערט, האט ער נאכגעגעבן זיין ווייב'ס עצה צו פארן צום בעש"ט, וואס איז שוין געווען מפורסם פאר א בעל מופת, אפשר וועט ער באקומען א רפואה, און אויב עס וועט נישט העלפן  וועט עס אויך נישט שאטן, און מען איז געפארן אבער די נסיעה פון מגיד איז געווען פול מיט שטרויכלונגען, גלייך ביים ארויסגיין פון מעזריטש איז דער פערד געפאלן, דערנאך זענען די רעדער צובראכן געווארן, די וואגן האט זיך איבער געקערט און כדומה. דער מגיד האט שוין חרטה געהאט אויף זיין נסיעה וואס האט אים גורם געווען ביטול תורה, אבער דאך האט ער ממשיך געווען דעם וועג, ווען ער איז אריין צום הייליגן בעש"ט, האט ער געוואלט דערציילן זיין ענין, אבער איידער ער האט אנגעהויבן האט דער בעש"ט אים מקדים געווען מיט א קלארן באגריף פון זיין נסיעה און זיינע מחשבות, דערנאך האט דער בעש"ט געפרעגט: מיט וואס ווילסטו געהיילט ווערן? מיט תפילות אדער מיט סגולות? האט דער מגיד געענטפערט: תפילות קען איך אליין, איך וויל געהאלפן ווערן מיט סגולות.

דא האט דער הייליגער רבי פון ראדאשיץ אפגעשטעלט די מעשה און פרעגט ווילסטו געהאלפן ווערן מיט סגולות אדער מיט תפילות? ר' נטע ווערט ערשטוינט פון די רוח הקודש פון צדיק וואס האט געזען אלעס וואס איז פארגאנגען מיט אים פון וולאדאווע ביז ראדאשיץ: ענטפערט ר' נטע: דער עיקר זאל מיין זון געהאלפן ווערן איך האלט שוין נישט אוים! אויב אזוי ברענג מיר דאס קינד און דער רבי לייגט אים אויף זיין שוים און הייסט ברענגען א פלעשל שמן און האט אנגעשמירט דאס קינד, און געהייסן ר' נטע צו נעמען דעם פלאש און אנשמירן יעדן טאג און ווען דאס אויל וועט זיך ענדיגן, וועט זיך די מחלה ענדיגן, אבער איך ווארן דיר אז די אויל דארף א גרויסע שמירה, קיינער זאל נישט וואגן צו נעמען אפילו א טראפ, און דער צימער פון קינד מיטן שמן זאל מען נישט עפנען פאר קיינעם!

ווען זיי זענען אנגעקומען קיין וולאדאווע, האט ר' נטע איבער געגעבן וואס דער רבי האט באפוילן, און די רייד פונעם צדיק זענען מקוים געווארן, און ווען די אויל איז אויסגעגאנגען, איז די מחלה אינגאנצן אוועק, און דאס קינד איז געווארן געזונט, און איז געפארן מיט זיין זון קיין ראדאשיץ, און דער צדיק האט אים מגלה געווען: א נֵס בתוך נֵס האט פאסירט, ווייל אויב איר וואלט געעפנט די טיר אדער דעם פענצטער, וואלט געווען שרעקלאך פאר אייך, ווייל פון די הייליגע אויל האבן אלע קליפות פון די וועלט האבן געגלוסט צו יונק זיין פון דעם אויל, און אשריכם אז איר האט בייגעשטאנען דעם נסיון און נישט געעפנט פאר זיי, ר' נטע און זיין זון זענען געווארן ראדאשיצער חסידים, זיע"א. (הסיפור והמעשה החסידי)

הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן

ספר צמח ה' לצבי דפו"ר יש דף הוספה $2800, זאת זכרון מהחוזה מלובלין דפו"ר $3000, סור מרע בני יששכר $2000 רגל ישרה בני יששכר $1800 סעט משניות טשערנאוויץ ת"ר תר"ו $2500, שו"ת הרי"ם דפו"ר עם חו"מ מצב מפואר שייך למשפחת החידושי הרי"ם $2500 ספר אמרי ברוך ויזניץ דפו"ר $900 ספר אהבת ישראל וויזניץ דפו"ר $700, ספר עבודת יששכר וואלברוז דפו"ר $1000 הגדה פרי חיים שהשתמש בו בעל חלקת יהושע מביאלא $3000 ספר טורי אבן דפוס ראשון עם חתימת הגאון רב שמעון לאנגסאם בעל שלמי רגלים על חגיגה אב"ד מעליץ $1500 ספר מקצוע בתורה להגאון מפלאצק דפו"ר עם חתימה וחותמת הרה"ק ר' משה ירוחם מארגנשטערן בנו של הרה"ק ר' מנחם מענדל מקאצק זצוק"ל $2000 ספר פרשת דרכים דפוס ראשון עם חתימות והגהות הגאון רב שלמה חכים בעל מלאכת שלמה שאלוניקי תרכ"ג וגם חתימת נכדו ר' דוד חכים $1000 סעט ערבי נחל שבירך ונתן הרה"ק מטאהש זצוק"ל לבחור שנבחן על סוגיא בש"ס עם אישור $800 זמירות שבת שבירך ונתן הרה"ק בעל מאור ישראל מסקולען תשע"ט לתומך $750, איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימות וחותמת הר' עזריאל הילדסהיימער $650 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' חיים יעקב ב"ר יהודה דוב פיינשטיין שהיה שד"ר מצפת $600 איסור והיתר פראג תקמ"ד עם חתימת ר' אברהם יצחק וויינבערגער מקליינווארדיין ובניו ותלמידו ר' צבי הירש בלום $700 ישמח משה שייך להרה"ק מטאש עם כתב ידו מעיר טאש עם אישור $10000 גמ' שלמד בו הרה"ק ר' איציקל מפשעווארסק $2500 דפו"ר קדושת לוי מהדורא תנינא תקס"ו חסר השער ו6 דפים $4500 ספר מעבר יבוק זיטאמיר $2000 מכתב הרה"ק ר' מנחם מנדל מפביאניץ הי"ד $1500 מכתב המנחת אלעזר עם ראשי הקהל לחתונת בתו עם ברכתו $8000, מכתב ארוך שנת תש"ז מאגודת ישראל ארה"ב מבקשים עזרה מאגודת ישראל לונדון עזרה חותמים אדמו"ר מבלאזוב, ר' אלי' מאיר בלאך, ר' שמעון שוואב, אלימלך טרעס ור' הענדעלס $3800 מכתב הרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא $1800 שו"ע יו"ד ח"ב וחו"מ ח"א סלאוויטא $3000 כל אחד, ספר אמרי יהודה מהגה"ק מסעקלעהיד עם ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה בנו של הגאון רב נתנאל בעל פני מבין $2000 ספר מטה משה ב' חתימות מהגאון ר' יחיאל מיכל הכהן פריעד בעל תורת יפה עם הגה $2000 מכתב הגאון ר' יונתן שטייף תש"א מבקש מר' יעקב רוזנהיים להצילו $1800 ספר עם חתימת הגאון בעל חמדת שלמה והרה"ק ר' יעקב אדמו"ר מיעזוב בן הרה"ק מטשעכנאוו $3000

4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ 718 - 438 - 8414 ~ 718 - 633 - 5500 Hours are 12 -7:30 Fri 11-1:00,

To receive the pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday. website www.seforimworld.com